לעבנס-פראגן
ינואר-מרץ 2014

**מלכה חפץ-טוזמאן / גוהרת על עצמי** מבחר **שירים**. (העברעיש). תורגמה מיידיש: **חמוטל בר-יוסף**

**"איבער זיך געבויגן"** – אַן אָפּקלײַב פֿון לידער, אין דער זייער געלונגענער העברעיִשער איבערזעצונג פֿון **חמוטל בר-יוסף**, מיט אירס אַ הקדמה




און אַן עסיי ווי אַ נאָכוואָרט, וואָס איז אַ מאָנאָגראַפֿיע און אַ פֿליסיקער אַנאַליז פֿונעם לעבן און שאַפֿן פֿון דער אייגנאַרטיקער יידישער דיכטערין. געבוירן אין 1896 אין וואָלין, צו **16** יאָר אויסגעוואַנדערט מיט די עלטערן קיין שיקאַגאָ, זיך שפּעטער באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס. אין 1959 געקומען קיין ישׂראל., געווען דאָ אַ האַלב יאָר און זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע, אָבער נאָכן טויט פֿון איר מאַן אין 1971 איז זי געקומען קיין ישראל, געווען אַ קורצע צײַט. אין 1981 באַקומען די מאַנגער-פּרעמיע און געשטאָרבן אין אַמעריקע אין 1987.

די אַלע יאָרן, פֿון די ייִנגסטע יאָרן אָן געווען שעפֿעריש און האָט איבערגעלאָזט דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע אַ רײַכן אוצר.פֿון אירע שאַפֿונגען.

. 184 ד"ז ווייכער אײַנבינד. הויפּט-רעד' רפי ווײַכערט.פּ"ג קֶשֶב לשירה מיט דער בײַהילף פֿון בית שלום עליכם און קרן איציק וגניאַ מאַנגר בײַם קרן יהושע רבינוביץ' לאמנויות בתל-אביב, 2013

ISBN.978-965-531-133-4